# צי ווייסטו ווער דער וואָלקן

צי ווייסטו, ווער דער וואָלקן איז?
ס׳איז דער זעלבער וואַנדערער,
וואָס איז געווען דאָ יענע וואָך
אין אַ געשטאַלט אַן אַנדערער.

געזעסן דאָ ביי אונזער טיש,
געטרונקען ביר און מעד
און טיפע שטילע, גאָלדענע רייד
אין זיך אַריינגערעדט.

פון ווינטן, וועלכע קרייצן זיך,
פון שטערן־בלי־פאַרבלי —
ביז ס׳האָט אין אונזער שויב געקלאַפּט
דער בלויער אינדערפרי.

צי ווייסטו, ווער דער פויגל איז?
ס׳איז דער זעלבער וואַנדערער,
וואָס איז ערשט נעכטן דאָ געווען
אין אַ געשטאַלט אַן אַנדערער.

געשטאַנען דאָ אויף אונזער שוועל
מיט שטויב אויף זיינע שיך,
די גראָע טאָרבע אין דער האַנט
און שטיל גערעדט צו זיך.

פון וועגן, וועלכע קרייצן זיך
און בלאָנדזשען דורך דער וועלט,
פון פרילינגען, וואָס האַלזען זיך
אויף בוים און טייך און פעלד.

פון זומערן, וואָס גייען אויף
ווי בלאָנדע מאַמעס שטיל,
פון הארבסטן, וואָס זיי טוליען זיך
אין זייער שאָטן קיל.

פון וואונדער און פון וואַנדערן,
פון בליען און פאַרגיין,
פון קומען נאָך אַמאָל צוריק
נאָך שענער, ווי געווען.

נו, זיי נישט טרויעריק, גאָלדן קינד!
ס׳וועט דער זעלבער וואַנדערער
קומען נאָך אַמאָל צו אונז
אין אַ געשטאַלט אַן אַנדערער.